באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע.
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

שלום אַש

די פֿאַרפֿלייצונג

(אויסצוג פֿון דער „בישופֿמאַכערין פֿון קאַסטיליע״).

13/37304

ווילנע
פֿאַרלאַג „נייע יידישע פֿאָלקסשול״
1929

בֿאַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פֿון ש. באַסטאָמסקי.

שלום אַש

די פֿאַרפֿלייצונג

(אויסצוג פֿון דער „כישופֿמאַכערין פֿון קאַסטיליע"‏)

ווילנע
פֿאַרלאַג „נייע יידישע פֿאָלקסשול".
1929

Printed in Poland.

Wypisy żydowskie w zeszytach,

złożone przez **S. Bastomskiego**

Szołom Asz

„POWÓDŹ

Drukarnia „Express" Wielka 33.

שלום אש

דעם 15-טן סעפטעמבער 1557 איז רוים אויפגעוואַכט געוואָרן מיט דער בײַס, אַז בײַנאַכט האָט דאָס וואַסער פון טיבער איבערפלייצט די געטאָ.

און דער רוימישער פעבל, געטרײַ צו זײַן טראַדיציאָנעלער לוסט נאָך פאַרווײַלונג און אויפרעגונג, האָט געוואָרפן זײַן טאָג-טעגלעכע באַשעפטיקונג און האָט זיך אין מאַסן אַראָפּגעאײַלט צו די טויערן פון דער געטאָ מיט אָן-געהעמפּערטן חשק, מיט אויפרעגנדיקער דערוואַרטונג פאַר דעם גרויסן שפּיל, וואָס שטייט זיי פאָר – צו זען, ווי מענטשן וועלן זיך ראַנגלען מיטן טויט.

די קליינע, ענגע, פאַרדרייטע געסלעך אַרום דער געטאָ זײַנען שוין פון באַגינען אָן געווען איבערגעפּאַקט מיט מענער, פרויען און קינדער. די – גייענדיק צו דער געטאָ, אַנדערע – קומענדיק פון דאָרט; אַלע זײַנען געווען מיט צעהיצטע פּנימער, באַגאָסן מיט שווייס, לײַכטנדיקע אויגן און לאַכנדיקע, ברייט-אויפגעפּראַלטע מײַלער, אָנזאָגנדיק איינער דעם אַנדערן די בשורה:

– דער פויפּסט האָט פאַרווערט די טויערן פון דער געטאָ צו עפענען!

– ביז דאָס וואַסער וועט קומען פון דער הויך איבער דער פּלאָזאַ די אָדעאַ.

– אַ חוץ די, וואָס וועלן די הענט אויסשטרעקן צום צלם און זײַנען ווילִיק אַרונטערצוקומען אונטער די שיצנדיקע פליגלען פון דער קירכע.

– פאַר דער גלאָריע פון דער קירכע און צו פאַרווײַלונג פאַר קריסטלעכע מענטשן.

עס זײַנען געגאַנגען בכבודיקע רוימישע פּאַטריציער, אָנגעטאָן אין קאָליר-רײַכע טוניקעס, פאַרוואָרפן מיט סאַמעטענע בלויע טיכער-מאַנטלען, באַגלייט פון צאָלרײַכע דינער און קנעכט, וואָס האָבן געטראָגן קישנס, אויסצושפּרייטן פאַר זיי אויף די מויערן פון דער געטאָ. זיי האָבן נאָך זיי נאָכגעטראָגן טײַערע טעפּיכער, קאָלירטע טאַפּעסטריען, עס זאָל זײַן באַקוועם צו זיצן, און קאָלירטע באַלדאַכינס צו פאַרשטעלן זיי פון זונענשטראַלן. קערב מיט פרוכטן, מיט ווײַנען און בוקעריווארג האָט מען נאָך זיי נאָכגעטראָגן צו דערפרישן זיי, ווען זיי וועלן זיך צוקוקן צום שפּיל.

עס זײַנען געגאַנגען האַלב-נאַקעטע, באָרוועסע לוין-אַרבעטער, וואָס האָבן געטראָגן זייערע קינדער אויף זייערע קעפּ, מיט אויסגעהונגערטע פּנימער און ברענענדיקע, דאָרשטיקע אויגן, וואָס האָבן געלעכצט נאָך שפּיל, נאָך פאַרווײַלונג, נאָך אויפרעגונג...

עס זײַנען געגאַנגען לאַנדס-קנעכט, שווייצאַרישע זעלנער, וואָס האָבן געדינט אין פויפּסטס אַרמיי – אין זייער פאַנטאַסטישער קליידונג – געפּאַרבטע הויזן, און יעדער פוס איז געווען באַהויזט מיט אַן אַנדער סאָרט קאָלירטן טוך.

עס זײַנען געגאַנגען מאָנאַכן פֿון פֿאַרשיידענע אָרדענס: פֿראַנציסקאַנער, דאָמי- ניקאַנער אין זייערע גרויע מאַנטלען און קאַפּאָס איבער זייערע קעפּ. באָרוועסע- שוואַרץ-באַהאַנגענע נאָנעס-גרופּן אין קירכלעכע פּראָצעסיעס, פֿירנדיק קירכן-פֿענער און אונטער קירכן-געזאַנגען.

און ווי אַ טײַך פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַרבן, וואָס ברענגט זיך אין אַ פֿאַנטאַסטישן זונען-אונטערגאַנג, האָט דאָס אַלעס געשטראָמט צו די מויערן פֿון דער יידישער געטאָ.

די מויערן פֿון דער געטאָ זײַנען שוין געווען באַלייגט און באַהאַנגען מיט מענטשן פֿון פֿאַרשיידענעם שטאַנד, געשלעכט און עלטער. קנעכט האָבן זיך געקריגט און געריסן זיך איינער מיטן אַנדערן צו פֿאַרכאַפּן אַ בעסערן פּלאַץ אויף די מויערן פֿאַר זייערע הערן. די שוואַרצע מאָרן האָבן אויפֿגעקלאַפּט אויף- שנעל געשטאַנגען פֿאַר זייערע באַפֿעלער. אַנדערע האָבן אויסגעשפּרייט טײַערע טעפּיכער, ליכטיק- קאָלירטע טאַפּעסטריען — פֿאַרשיידנפֿאַרביקע קישנס איבער די ברייטע מויערן, אַז עס זאָל זײַן באַקוועם צו זיצן פֿאַר די סעניאָרן און סעניאָרינס, די הערן פֿון זייער לעבן און טויט. די טויערן פֿון דער געטאָ האָבן זיך געטונקט אין די קאָלירן פֿון די פֿאַרשיידענע שטאָפֿן — זײַדנס, סאַמעט און בראָקאַט, מיט וועלכע עס איז געווען אויסגעציירט די אַריסטאָקראַטיע פֿון רוים, וואָס האָט באַערט אַזוי צאָלרײַך י מויערן פֿון דער געטאָ...

עס האָבן געפֿלאַקערט אין דער זון די פֿיגורן און די לאַנדשאַפֿטן פֿון די ײַכע טאַפּעסטריען — די פֿאַרבן פֿון די פּרוכטן און חיות, וואָס האָבן זיך קאָלירט יבער די אָריענטאַלישע טעפּיכער, מיט וועלכע די מויערן זײַנען געווען אויס- גלייגט — עס האָט געשטורעמט ווי דאָס פֿליסטערן פֿון אַן אָנגעצוימטן טײַך דער רום פֿון פֿעבל, וואָס האָט באַלייגט די מויערן, און פֿון צײַט צו צײַט האָט אויפֿ- גקנאַלט, ווי דער גאַנג פֿון אַ דונער, דאָס פֿראַלנדיק לאַכן, די פֿריידיקע אויס- גשרייען און די שאַלנדיקע אַנטציקונג איבער דעם גרויסן שפּיל, איבער דעם ויטן-טאַנץ פֿון זיך-ראַנגלענדיקע מענטשן — וואָס שפּילט זיך אָפּ פֿאַר זייערע אויגן יף יענער זײַט מויערן פֿון דער געטאָ...

דער טויטן-טאַנץ פֿון יענער זײַט מויערן האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי: בײַנאַכט אָבן די אײַנוווינער פֿון דער געטאָ, וואָס האָבן געוווינט אין די אויסגעבאַלקנטע עלערס צוליב דער ענגקײַט פֿון דער געטאָ, געהערט אַ שונאדיק אומהיימלעך לאַפּן אין די ווענט פֿון זייערע קעלערס, — ווי אַ פֿײַנט וואָלט זיך געוואָלט דער- לאָנגן צו זיי. די אײַנוווינער פֿון דער געטאָ, וועלכע האָבן שוין, ווי געזאָגט, זיך געמוזט געפֿינען צוליב די גזרות פֿון פּויפּסט — נישט צו פֿאַרגרעסערן דעם רוים פֿון דער געטאָ — אַן אָרט, ווו אויפֿצוהאַלטן זיך, האָבן זיך אײַנגעגראָבן ווי ערד- ווערעם אין דער ערד, בויענדיק אונטער דער ערד גאַנצע קאָרידאָרן מיט וווינונגען. די אײַנוווינער פֿון די קעלערס האָבן געוווּסט, וואָס דאָס אומהיימישע קלאַפּן אין די מויערן פֿון זייערע וווינונגען באַטײַט — און ווער עס איז דער פֿײַנט, וואָס דערנענטערט זיך צו זיי. האָבן זיי זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זייערע געלעגערס ווי אויפֿגעריסן פֿון אַ שׂרפֿה, געכאַפּט זייערע קינדער, זייערע קראַנקע און אַלטע

לײַט. װער עס האָט געקענט, װער עס האָט נאָך צײַט געהאַט, האָט געכאַפּט, װאָס האָט זיך געלאָזט אין האַנט, און זײַנען אַנטרונען אין די אײבערשטע געמעכער צו די שכנים. אײנער האָט דעם אַנדערן צו װיסן געגעבן דורך קלאַפּן אין דער װאַנט, אַז עס דערנענטערט זיך אַן אײַלנדיקער און אַ מעכטיקער פֿײַנט: „דאָס װאַסער קומט!" דער אױסרוף „דאָס װאַסער קומט" איז װי אַ שרעק איבערגעגאַנגען פֿון אײן הויז צום אַנדערן און איפּגעריסן די אײַנװױנער פֿון דער געטאָ פֿון זײער טיפֿן שלאָף – צו ראַטעװען זיך דאָס לעבן. נאָר דאָס װאַסער איז פֿיל שנעלער געקומען װי די שרעק. עס האָט זיך פֿלינקער אָנגעכאַפּט װי אַ שׂרפֿה. פּלוצים, אומגעריכטערהײט האָט זיך עס אָנגעהויבן צו באַװײַזן איבער די פּאָדלאָגעס פֿון די שטובן. מענטשן זײַנען אומגעריכטערהײט אײַנגעזונקען געװאָרן מיט זײערע בעטן און הויז־זאַכן – אין זומפּן. מע האָט אָנגעהויבן צו טרעטן אין טיפֿע פֿײַכטע גרונטן, װאָס זײַנען אײַנגעזונקען אונטער די פֿיס. עס איז געװען, װי די ערד װאָלט פֿאַרשװוּנדן פֿון אונטער דעם מענטשנס טריט. אָט זעט מען זי נאָך, נאָר קוים שטעלט מען דעם טריט אױף איר, װערט זי אײַנגעזונקען... דאָס װאַסער שטײַגט מיט דעם בליק פֿון אױג, און עס װאַקסט נישט װי אַ פֿײַער אין דער הײך, נאָר עס דאַכט זיך, אַז עס װאַקסט אין דער טיף... װאָס אַמאָל װערט עס טיפֿער, און װאָס אַמאָל װערט עס מער אומהײמלעכער און שרעקלעכער...

אַז די ייִדן האָבן געזען, װי דאָס װאַסער װאַקסט אומבאַצױמט און אומאײַנגעהאַלטן, האָבן זײ זיך געלאָזט אין מאַסן מיט אַ געשרײ נאָך הילף – שלעפּנדיק אױף זײערע פּלײצעס קינדער און אַלטע לײַט – און באַנדלעך מיט האָב און גוטס– צו דעם טויער פֿון דער געטאָ. אָבער בחינם האָבן זײ געקלאַפּט אין טויער פֿון געטאָ. עס האָבן זיך נאָר געהערט פֿון דרויסן די אײנזאַמע קלינגענדיקע טריט פֿון די טויערן־װעכטער, װעלכע, באַװאָפֿנט מיט שפּיציקע האַק־מעסערס, האָבן זיך אַרויף און אַראָפּ געדרײט.

– אין נאָמען פֿון גאָט, עפֿנט אױף די טויערן, מיר טרינקען זיך אין װאַסער! – האָבן די ייִדן געקלאַפּט אין טויער.

– קײן באַפֿעל נישטאָ – האָבן פֿון דרויסן אָפּגעענטפֿערט שטאַרקע רויִע שטימען – און עס האָבן זיך װידער געהערט די אײנזאַמע טריט.

די אַלטע לײַט האָבן עס אָנגענומען פֿאַר ליב – און געװאַרט אױף אַ נס. זײ זײַנען געװען די ערשטע צו באַהאַלטן זיך אין די אױבערשטע געמעכער פֿון די הײַזער; די יונגע, װאָס דאָס יונגע לעבן און דאָס לעבעדיקע בלוט האָט געפֿאָדערט פֿון זײ רעטונג, האָבן געזוכט אַ פּלאַץ װוּ צו אַנטרינען. פֿיל פֿון זײ האָבן זיך אַרויפֿגעכאַפּט אױף די דיקע מויערן, און אַפֿילו האָבן זיך טאַקע אַזױ אַרום געראַטעװעט דאָס לעבן. אָבער באַלד האָבן זײ באַמערקט די מויער־װעכטער, און מיט די שפּיציקע האַק־מעסער האָבן די װעכטער געהאַקט איבער די זיך קלאַמערנדיקע הענט, װאָס האָבן זיך געריסן איבער די מויערן, און צוריק געיאָגט זײ אין דער געטאָ אַרײַן.

און זײ זײַנען אַנטרונען מיט די אַלטע אין די אױבערשטע געמעכער פֿון די הײַזער – װאַרטנדיק אױף אַ נס.

ווען די רוימישע באַפעלקערונג האָט באַלאַגערט די מויערן פון דער געטאָ האָבן זיי שוין אָנגעטראָפן, אַז דאָס וואַסער האָט מאַיעסטעטיש באַהערשט די גאַנצע, איינגענומענע אויבערפלאַך פון דער געטאָ. איבער פלאַצע די יודעא האָט מען שוין קיין זאַך נישט אַרויסגעזען, נאָר דעם ראַנד פון וואַסער־ברונעם, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן דער פלאַצע. און איבער פלאַצע די טעמפלאַ האָט מען שוין קיין זאַך ניט אַרויסגעזען — נאָר דאָס וואַסער האָט געוואַשן די ווענט פון די דיקע מויערן פון די הייזער, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַרהאַקט טיר און טויער — און עס האָט געזוכט ביזוויליק אַ שפּאַלט, אַ לאָך, אַן עפענונג, דורך וועלכער אַריינצוקומען אין די שטובן אַריין.

פון די אויבערשטע פענצטערלעך פון די הייזער, פון די נישעס און ווינקל־עקן און בריקן, וואָס זיינען געלעגן פון איין הויז איבערן אנדערן, — מיט איין וואָרט, פון יעדער עפענונג האָבן זיך מענטשן אַרויסגעוויזן מיט שרעקעדיקע פּנימער און דאַרע אויסגעשטרעקטע הענט. איינער האָט אָוועקגעשטופּט דעם אַנדערן, איין קאָפּ האָט זיך געהויבן איבערן אַנדערן, איין פּנים האָט אַרויסגעקוקט איבער דעם צווייטן — און הענט האָבן געשטיגן איינע איבער די אַנדערע — וואָס האָבן גערופן צו די מענטשן אויף די מויערן פון דער געטאָ נאָך הילף. מוטערס האָבן איבער די קעפּ געהויבן זייערע קליינע קינדער און געוויזן פון די פענצטערלעך אַרויס צו די איינוואוינער פון רוים אויף די מויערן, אַז זיי זאָלן ראַטעווען זייערע קינדער. יונגעלייט האָבן אָפּגעטראָטן פון די פענצטער, צוגעלאָזט די אַלטע, וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט נאָך הילף צו די מענטשן אויף די מויערן. אָבער דאָס געבעט פון די אַלטע, דאָס וויינען פון די מוטערס און די שרעקנדיקע שרייענדיקע אויגן פון די קינדער — האָט נאָר אַרויסגערופן אַלץ מער צערוויילונג, אַלץ מער אויפרעגונג און אַלץ מער שפּיל, און עס האָט געררייצט דעם שפּאָט און דאָס לאַכן.

— ווייז זיי דעם צלם, זאָלן זיי זיך וואַרפן צו דער ערד, — לאָזן זיי דעם צלם קושן !

פון דאָ און דאָרט איבער דער מויער האָבן פראַנציסקאַנער און דאָמיניקאַנער מאָנאַכן אויפגעהויבן צלמים — געוויזן צו די אַרויסשטאַרנדיקע פון די פענצטערלעך ידישע קעפּ. פון ערגעץ־ווו האָבן אַ גרופּע נאָנען אויסגעשטעלט אַ הייליק בילד — אויסגעצויגן עס צו די אַרויסשטאַרנדיקע קעפּ און געוויזן מיט די פינגער אויפן אָט יעזוס — אַז ער נאָר אַליין קען זיי העלפן.

אָבער ווי די יידן האָבן דערזען די צלמים, די הייליקע בילדער, די קירכן־פענער, וואָס האָבן זיך געצויגן צו זיי, האָבן זיי אַוועקגעבויגן די קעפּ. די אַלטע האָבן פאַרמאַכט די אויגן, פאַרשטעלט זיך די פּנימער מיט די הענט, אַז זיי זאָלן ניט זען. די מוטערס האָבן צוריק אַריינגענומען זייערע קינדער, פאַרשטעלט זיי די פּנימער מיט זייערע טוכיקעס און טיכער, אַז זיי זאָלן ניט זען די פרעמדע געטער.

— האַרטנעקיק פאָלק, ווי דאָס קערט אָפּ די פּנימער פון גאָטס צייכן, געשלאָגן מיט בלענדעניש איז עס — ווי די הייליקע שריפט זאָגט — האָט זיך אָנגערופן איין מאָנאַך צום אַנדערן.

— אין וואַסער באַדאַרף מען זיי וואַרפן. פאַרטרינקען זיי ווי די ראַטן!

— ווי די ראַטן, די ראַטן! — האָט דער פּעבל געשריען. און דער פּעבל איז דורשטיק געוואָרן צו מער אויפרעגונג, צו מער פאַרווײַלונג. עס איז זיי הײניק געווען די שרעק און די פורכט פון די יידישע פּנימער אויף די דעכער פון די טורעמס, אין די פענצטערלעך פון די קאַמערשטובן. זיי האָבן זיי געוואָלט זען ריכטיק זיך ראַנגלענדיק מיטן טויט. עס איז זיי לאַנגווײַליק געוואָרן דאָס אײנטאָניקע שטראָמען פון וואַסער. זיי האָבן נאָך קיין מענטשן ניט געזען טרינקען זיך.

— פון די דעכער וואַרפן! פון די דעכער, ווי די ראַטן, ווי די ראַטן! — האָט דער פּעבל געשריען.

באַלד האָט זיך זייער בלוט־דורשט אָנגעהויבן צו זעטיקן. פון די אָפענע קעלערס און אונטערשטע געמעכער האָט דאָס וואַסער אָנגעהויבן איצט אַרויסצושווענקען די הויז־זאַכן — עס האָבן אָנגעהויבן צו שווימען איבערן וואַסער הויז־מעבל־טישן, בענק, קאַסטנס מיט סחורה, שטיקער קליידער, ספרים, שטיקער פאַרמעט און אַנדערע שטוב־זאַכן, דערטרונקענע שטוב־עופות און שטוב־חיות.

דאָס פאָלק איז געוואָרן אויפגערעגט פאַר דערוואַרטונג. יעדע שטיקל מעבל, יעדע כּלי, יעדע שטוב־קלייד, וואָס האָט זיך באַוויזן איבערן וואַסער, האָט אַרויסגערופן נײַע געוואַלדן — פרייד־אויסגעשרייען און אַ ווײַזן מיט די הענט.

באַלד האָט דאָס וואַסער אָנגעהויבן אַרויסצושווענקען אויך מענטשלעכע גופים, — קליינע קינדער־לײַכן, לײַכן פון אַלטע לײַט. די מענטשלעכע לײַכן האָבן אויפגעפלאַמט דאָס דאָרשטיקע בלוט פון דעם רוימישן פּעבל. איבער דער מויער האָבן זיך געהערט אַזעלכע אויסגעשרייען, אַזעלכע אויסרופן, ווי דאָס פּעבל וואָלט געווען דערזען זייער אויסלייזער, זייער גיבור, זייער באַפרײַער.

— פרעהס ים! גאָט האָט געבראַכט אויף די יידן פרעהס ים!

— דער טאָג פון גאָטס נקמה איבער זײַנע פײַנט!

— לעבן זאָל דער הייליקער פּאָטער פּאַול דער פערטער, דער געטרײַער דינער פון גאָט, וואָס האָט זיך אָנגענומען די עוולה פון גאָט!

— גאָטס בלוט איז גערעכט געוואָרן.

דאָ און דאָרט האָבן מאָנאַכן געקניט אויפן מויער, פאַרגלאָצט די אויגן און אָפּגעריכט אַ געבעט פאַר די אויסגעגאַנגענע נשמות, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זײַן אויף זיי און אַרײַננעמען זיי אין זײַן הימלישער קעניגרײַך, און אויסגעשטרעקט די צלמים איבערן וואַסער, אויף די טויטע שווימענדיקע לײַבער...

פונדערווײַטנס האָט זיך געהערט דאָס אײנזאַמע קלינגען פון אַ קירכן־גלאָק, און באַלד האָט דער עולם געבויגן די קעפּ צו דער ערד.

די מאָנאַכן האָבן געקניט און אָנגעהויבן צו זינגען קירכן־לידער.

אויף דער מויער פון דער געטאָ האָט זיך באַוויזן אין אַ טראָג־שטול דער הייליקער פּאָטער, אָנגעטאָן אין שאַרלעך רויטן, באַגלייט מיט אַ סוויטע פון קאַרדינאַלן און אַנדערע הויכגעשטעלטע לײַט פון דער קירכע. אויף דער מויער איז פאַר זיי אויסגעשטעלט געוואָרן פון באַגינען אָן אַ געשטאַנד, וואָס איז באַפּוצט געוואָרן מיט בראָקאַטן און אַנדערע טײַערע שטאָפן, אַז דער הייליקער פּאָטער זאָל קענען זען אַלצדינג, באַאָבאַכטן, וואָס עס טוט זיך אין דער געטאָ. דער פּעבל האָט זיך

אײַנגעשטילט בײַם אָנבליק פון הייליקן פאָטער און אַלע האָבן אָפּגעוואַרט מיט האַרצקלאַפּונג און דורשטיק פון נײַגעריקײַט, וואָס דאָ וועט זיך טאָן.

די יידן אויף די טורעמס, אין די פענצטער, אויף די בריקן, דערזעענדיק דעם הייליקן פאָטער, זײַנען פּלוצים אַרויס מיט אַ גרויס געוויין און אַ געשריי, — האָבן אַרויסגעשטעקט דורך די פענצטערלעך די ספרי־תורות. מוטערס האָבן צרויסגעצויגן זייערע קינדער און אָנגעהויבן צו בעטן, שרײַענדיק פון די פענצטער און קאַמערס מיט אַ גרויס געוואַלד!

— אין נאָמען פון גאָט, ראַטעווע אונדז, ראַטעווע אונדז!

— עפנט אויף די טויערן! מיר טרינקען זיך מיט ווײַב און קינד!

אַלע האָבן געקוקט אויפן הייליקן פאָטער. נאָר דאָס געזיכט פון פּויפּסט איז שוואַרץ געווען און שווײַגנדיק און די קנײַטשן אין אים האָבן זיך געכמורעט ווי אין אַ שטורעמדיקן ים. זײַנע אויגן האָבן געשײַנט צו דרימלען. אַזוי זײַנען זיי אײַנגעזונקען און פאַרטרונקען געווען אין די שטורעמדיקע קנייטשן פון זײַן שוואַרץ־שווײַגדיקן געזיכט.

באַלד האָט דער פּעבל פון רוים געקראָגן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט.

די יידן, צי זיי זײַנען געוואָרן אַרויסגעטריבן פון וואַסער, צי צוליב דער אָפּעטונג, וואָס זיי האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז אין דער אָנוועזנהײַט פון הייליקן אָטער וועלן זיי גיכער געראַטעוועט ווערן, האָבן זיך פּלוצלונג אַרויסגעלאָזט פון יערע הײַזער. געשפּרונגען פון די פענצטער אין וואַסער, און, אויפהייבנדיק זייערע ינדער און אַלטע לײַט איבער די קעפּ, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין וואַסער.

דאָס וואַסער איז געווען הויך. בײַ אַ טייל האָט עס דערגרייכט ביזן האַלבן ײַב, בײַ אַנדערע—ביז צו די העלדזער. אָבער זיי זײַנען געגאַנגען. עס זײַנען געאַנגען מוטערס מיט די קינדער אויף די קעפּ; פאַטערס, וואָס האָבן געטראָגן זייערע ינדער אין דער הויך. אַנדערע האָבן געטראָגן אין דער הויך ספרי תורות, אַנדערע־לטע לײַט. אָנקומענדיק צו דער זײַט פון מויער, אויף וועלכער ס'איז געזעסן דער יליקער פאָטער, האָבן זיי אויסגעשטרעקט צו אים די ספרי תורות מיט די ינדער און אָנגעהויבן זיך בעטן בײַ אים:

— עפן אויף די טויערן פון דער געטאָ. מיר ווערן דערטרונקען!

— אין נאָמען פון גאָט! ראַטעווע אונדז!

— מיר זײַנען אַלע בירגער פון רוים. די פּויפּסטן האָבן אונדז שטענדיק גענומען אונטער זייער שוץ!

דער פּויפּסט האָט אויסגעהערט זייער געבעט, און, זיצנדיק אין זײַן שטול, האָט ער אויפגעהויבן זײַן פינגער מיטן רינג צום גובערנאַטאָר פון רוים, וואָס איז געווען מיט אים אין דער סוויטע, אַז ער זאָל די יידן באַרויִקן.

דער גובערנאַטאָר האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן זיץ און זיך אָנגערופן צו די יידן:

– דער הייליקער פּאָטער האָט ניט געקענט רויִק אײַנזיצן אויף זײַן פּלאַץ, הערנדיק פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די יידישע געטאָ, און איז געקומען אײַך העלפן, ניט דערפאַר, ווײַל איר האָט עס פאַרדינט, נאָר דערפאַר, ווײַל גאָט האָט געהייסן ליב האָבן אונדזערע פײַנט–האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט.

– מיר האָבן געוווּסט, אַז דער הייליקער פּאָטער וועט רחמנות האָבן אויף אונדז! – האָבן די יידן אַרויסגעשאַלט מיט אַ שטורעם פון פרייד פון וואַסער אַרויס.

– די טויערן פון דער געטאָ קען מען ניט עפענען – האָט דער גובערנאַטאָר ווײַטער געזאָגט – דאָס וואַסער וועט אַרויס פון דער געטאָ און פאַרטרינקען די שכנישע געסלעך און קען נאָך שאָדן ברענגען צו דער הייליקער קירכע פון סט. אַנגעליקאַ.

– וואָס דען? האָב רחמנות, הייליקער פּאָטער, אויף אונדזערע קינדער! מיר טרינקען זיך דאָך אין וואַסער!

– איר טרינקט זיך ניט, איר טרינקט זיך ניט! – האָט זיך דער גובערנאַטאָר פון רוים נאָכגעקרימט, צו פרייד און צום לאַכן פון גאַנצן רוימישן פעבל אויף דער מויער, וואָס האָט אָפּגעקלונגען פון דער מויער אין אַ ווילדן ווידער־קול.

– דער הייליקער פּאָטער האָט שוין באַפוילן, און פינף הונדערט קריסטלעכע זעלנער אַרבעטן פאַר אײַך, פאַרשאָלטענע יידן. פאַרפּעסטיקן צוריק די דאַמבעס, וואָס דאָס וואַסער האָט צעשטערט. אין אַ פּאָר שעה אַרום דערוואַרטן מיר, אַז דאָס וואַסער זאָל אָנהייבן אָפּצופאַלן.

– מיר וועלן דאָך אַלע ביז דאַן דערטרונקען ווערן! –האָבן די יידן געוויינט.

– איר וועט ניט דערטרונקען ווערן – האָט ווידער דער גובערנאַטאָר נאָכגע־קרימט די נאַקעטע מאַסע יידן.

און דער פעבל אויף דער מויער האָט ווידער אָפּגעשאַלט מיט אַ ווידער־קול.

און באַלד האָבן שווייצאַרישע זעלנער מיט די לאַנגע האַקפּיקעס אַוועקגעיאָגט די יידן פון דער מויער. די יידן האָבן געווענדעט זייערע אויגן צום הימל און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. עס זײַנען דאָרט געווען פאַרשיידנייאַריקע יידן, מענער און פרויען. זײַנען זיי געשטאַנען האַלב נאַקעט מיט נאַסע קליידער. בײַ פילע האָבן זיך געזען די באַהאָרטע ברוסטן, קרומע פּלייצעס, אײַנגעבויגענע קעפּ מיט שרעקע־דיקע אויגן פאַרן פחד פון טויט. די באַוואַקסענע פּנימער, אַרויסקוקנדיק פון וואַסער, האָבן געריצט צום לאַכן, און דער פעבל האָט געזעטיקט זײַן פאַרווײַלונגס־הונגער און לאַך־רייץ אין די קאָמיש פאַרקרימטע, וויינענדיקע מענער און פרויען. אַ טייל פון זיי האָבן זיך שוין ניט געקענט האַלטן אויף די פיס. דאָס וואַסער האָט זיי געצויגן אין זײַן שטראָם ווי שפּענדלעך האָלץ און געשלעפּט זיי נאָך זיך. אָנשטאָט רחמנות האָט די שוואַכקײַט און די אומבאַהאָלפנקײַט פון די האַלב־נאַקעטע מענטשן נאָר דערוועקט אַ געפיל פון קאָמיזם און פאַראַכטונג, און דער פעבל איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אַ לאַך־רייץ און אַ טרײַב־שפּיל. און דער לאַך־רייץ האָט אָנגעשטעקט אַלעמען: אָרעם און רײַך, פעבל און אַריסטאָקראַטיע. עס האָבן געלאַכט קאַרדינאַל און אַרטיזאַן, מאָנאַך און זעלנער – אַלע, אַלע זײַנען זיי פאַרכאַפּט געוואָרן

פונם שפיל, וואָס איז פאַר זייערע אויגן. אַלע, אַלע, פון הייליקן פאָטער ביז צום לעצטן לאַנדס־קנעכט, האָבן זיך אַמוזירט, געווײַלט, געלאַכט פון טויטן־טאַנץ, וואָס דער מלאך המות טאַנצט פאַר זיי. אַלע פנימער זײַנען אויפגעריסן, אויפגעקאָכט געוואָרן. אויגן האָבן געשײַנט, מײַלער האָבן געלאַכט, הענט האָבן געפּאַטשט – די סעניאָרן מיט זייערע שאַלן, די סעניאָרינען מיט זייערע טיכער, די מאָנאַכן מיט זייערע קירכן־פענער, די לאַנדס־קנעכט מיט זייערע שפּיזן – אַלץ האָט געלאַכט, געלאַכט, געלאַכט...

– קוקט, קוקט נאָר, זעט, זעט, ווער שווימט עס דאָרט?
– וואָס איז דאָס?
– ווער איז דאָס?

איינציקווײַז האָט דאָס לאַכן צוגעהויבן אויסצושטאַרבן – און אַ שרעק און אַן אומפאַרשטענדלעכקײַט האָט פאַרנומען זײַן פּלאַץ. – די מענטשן אויף דער מויער זײַנען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם בילד פאַר זייערע אויגן. זיי זײַנען פאַרשטילט און פאַרציטערט געוואָרן פון דער שיינהײַט, וואָס האָט זיך פאַר זייערע אויגן באַוויזן.

פון אַ געסל איז אַרויסגעשווומען אויף אַ ברעט, צי אויף אַ שטיק מעבל, אַ יונגע פרוי. בײַ איר צופוסן אויף עפּעס אַ שטיק שטאָף איז געלעגן אַן אַלטער גרײַז־גרויער מאַן. די פרוי איז געווען כמעט ווי נאַקעט. דער בלויזער געלער טוניק, וואָס איז געווען איבער איר לײַב, איז נאַס געווען און האָט זיך אַראָפּגע־גליטשט פון אירע הענט און רוקן, און עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַ רייצנדיקע, אָפּגערונדעטע פּלייצע, וואָס האָט זיך געפּאָרעמט איידל און רונדיק און איז אַראָפּ־געפאַלן ווי אַ קאַלטער וואַסער־פאַל מיט אַ לײַכטער שוועבנדיקער ליניע. איר אויס־געקנעטער מוסקולירטער רוקן האָט זיך געשײַנט אין דער זון ווי אַ ברענענדיק פײַער און געשפּילט מיט זײַנע מוסקולן, ווי ער וואָלט געשמייכלט. אירע פולע, געטאָקטע שוואַרץ־לויכטנדיקע האָר זײַנען ווי וואַסערפאַלן געפאַלן איבער איר לײַב.

זי האָט נישט געבעטן. זי האָט נישט אויפגעהויבן די הענט צום פעבל נאָך הילף, נאָר אַזוי ווי שעמענדיק זיך פאַר איר נאַקעטקײַט האָט זי געהאַלטן איר קאָפּ אַראָפּגע־בויגן איבער איר ברוסט, און קניענדיק געקוקט מיט רחמים אויף דעם אַלטן מאַן, וואָס איז געלעגן ווי אַ קרבן, ווי אַ געפּײַניקטער צו אירע פיס. און איר פנים, איר גאַנצע פיגור האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל מיטלײַד, אַזוי פיל צער און טיפן ווייטיק, אַז דער פעבל איז עפּעס פאַרשעמט געוואָרן בײַ זיך, פאַר דעם גאַנצן שפּיל, פאַר אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך דאָ. איינציקווײַס זײַנען אויסגעלאָשן געוואָרן די געשרייען, דאָס לאַכן, דאָס רוישן, און שטיל איז געוואָרן איבער דער מויער.

דער רוימישער פעבל, וואָס איז פון שטענדיק אָן געוווינט געוואָרן צו זען אין דער שיינקײַט די געטלעכקײַט, האָט אין דעם בילד פון דער פרוי דערזען עפּעס אַ הימלישעס וועזן. ס'האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי האָבן שוין ערגעץ־ווו דאָס בילד געזען. און אויף פילע פון זיי האָט דאָס בילד געווירקט ווי אַ מיראַזש, ווי עפּעס נישט נאַטירלעכעס. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז עפּעס אַ וווּנדער־זעונג שײַנט פאַר זייערע אויגן.

עס איז געוואָרן ווי אַ דערשײַנונג פון אַ ביבלישער סצענע, ווי עפּעס אַ גרופּע פון הייליקע גייען דורך אַ ים און פאָרויס גייט די הייליקע מוטער — „די מוטער אין רחמנות״.

דאָ און דאָרט האָט מען שוין געהערט אַ מורמלען פון פּעבל, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך דער מויער, ווי אַ שטילער ווינט:

— ראַטעווען!

— מענטשן טרינקען זיך!

— אַ שאַנד פאַר גאָט!

— זינד! זינד!

פּלוצלונג האָט זיך עמיצער באַוויזן אין וואַסער. טיף ביז צום האַלדז איז ער געגאַנגען אין וואַסער. אַ הויכער איז ער געווען. פון אַ גאַס איז ער אָנגעקומען און איז צוגעגאַנגען צום שווימענדיקן ברעט, אויף וועלכן ס'איז געווען די באַקעטע פרוי מיטן אַלטן מאַן. און אָנקומענדיק נאָענט צו זיי, האָט ער פון אונטער דעם וואַסער אַרויסגעשטעקט אַ הויכן אײַזערנעם צלם מיט אַ קריסטוס אָנגעקלאַפּט אויף אים און ער האָט דעם צלם אויפגעהויבן אין דער הייך איבער די קעפּ פון די נאַקעטע יידן, און געוויזן צום פּעבל אַרום דער מויער מיט דער האַנט אויפן צלם.

אַ שרעק איז באַפאַלן דעם פּעבל אַרום דער מויער. דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין גרופּן מאָנאַכן אַראָפּגעלאָזט אויף די קני איבער דער מויער. און עס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ הויך קירכן-געזאַנג, וואָס האָט אָפּגעשאַלט ווײַט און ברייט איבער דער מויער, איבערן וואַסער, איבער דער געטאָ, איבער גאַנץ רוים:

– די הייליקע מוטער שווימט, „די הייליקע מוטער אין רחמנות״.

– קריסטן-פאָלק, זעט! זעט! גאָטס מוטער שווימט!

פון אַלע זײַטן האָט מען געקוקט אויפן שטאַנד, אויף וועלכן ס'איז געזעסן דער הייליקער פאָטער מיט זײַן סוויטע.

פּאַול דער פערטער האָט זײַן פּנים פאַרשטעלט מיט זײַן רויטן מאַנטל און ניט געוואָלט זען.

און מיטאַמאָל האָט עס אויסגעבראָכן ווי אַ שטורעם. פון דאָ און דאָרט האָבן זיך הענט אויפגעהויבן און געוויזן צום פּויפּסט. און אַ מורמל איז געגאַנגען:

– ראַטעווען!

– די טירן פון דער געטאָ עפענען!

– ראַטעווען! ראַטעווען!

– זינדיקער! – האָט אַ מאָנאַך געשריזן מיטן צלם אויפן פּויפּסט.

– אַנטיקריסט!

– דער טײַוול זיצט אויף קריסטוסעס טראָן!

– אַנטיקריסט!

מיט די העק-שפּיזן און שטאַכערס האָבן די שווייצאַרישע זעלנער געמכאַפּט פּלאַץ פאַרן פּויפּסט, צוריקגעטריבן די צערייצטע מאַסע, און פּאַול דער פערטער איז פאַרשוווּנדן מיט זײַן סוויטע פון דער מויער פון דער געטאָ.

אַזוי זײַנען אײנער נאָכן אַנדערן פאַרשוואונדן: די קאַרדינאַלן, די סעניאָרן, די הויכע קירכן־דינער און געוועלטיקער פון רוים און דער וועלט, איבערלאָזנדיק די פאַרבן־רײַכע טאַפּעסטריען און טעפּיכער איבער דער מויער פון דער געטאָ פלאַקערן זייערע פאַרבן אין דער זון.

אויפגעפראַלט זײַנען געוואָרן די טויערן פון דער געטאָ, אויפגעשפרונגען זײַנען די טירן און דאָס וואַסער פון דער געטאָ האָט אַרויסגעשטראָמט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גייט פאַרפלייצן רוים.

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע.

דער פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"

האָט אָנגעהויבן ארויסצוגעבן א

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע

אין באַזונדערע העפטן פאַר די מיטעלע און עלטערע קלאַסן פון דער יידישער שול.

די כרעסטאָמאַטיע איז צונויפגעשטעלט פון **ש. באַסטאָמסקי.**

אין דער כרעסטאָמאַטיע קומען אַריין ווערק פון דער יידישער און אייראָפּעישער ליטעראַטור.

עס זיינען שוין דערשינען פאָלגנדיקע העפטן:

1. שלום אַש — „די פאַרפלייצונג" (פון דעם לעבן פון די יידן אין מיטל־אַלטער. אויסצוג פון דער „כישופמאַכערין פון קאַסטיליע").
2. אברהם רייזען — 1) ווען עסט די מאַמע? 2) די נייע לאַטע.
3. ז. סעגאַלאָוויטש — די וואַנט (דראַמאַטישער עטיוד).
4. קאַלעוואַלאַ (פינישער עפּאָס — 15־טע רונע), יידיש— הערש ראָזענפעלד.
5. ל. טאָלסטאָי — זאַמלהעפט (דריי פראַגן; שיינקייט, גוטס און גליק; סצענעס)
6. מאַקסים גאָרקי — 1) סימפּלאָן. 2) די קינדער פון פאַרמאַ.
7. י. פּאַט — איבער נאַכט גראָ געוואָרן (וועגן ביינוש מיכאַלעוויטשן)
   מ. ראָזנבאַום — ווי אַזוי גריגאָרי גערשוני איז אַנטלאָפן פון קאַטאָרגע?
8. הענריק סענקעוויטש — יאַנקאָ דער שפּילער. יידיש — ש. באַסטאָמסקי.
9. יעלפּאַטיעווסקי — העקטאָר; ווילדענברוך — אין דער פרעמד.
10. ד"ר. ש. עטינגער — סערקעלע (1־טער אַקט)
11. עמיל זאָלאַ — קוילנגרעבער. יידיש — ש. באַסטאָמסקי.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Bastomski Wilno, Stefańska 24 m. 28.

לערנביכער

אויף יידיש.

אין אַלע יידישע שולן זיינען אָנגענומען פאָלגנדיקע לערנביכער אויף יידיש:

א) „לעבעדיקע קלאַנגען״

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

1) אילוסטרירטער אלף בית (נייע אויפלאגע)
2) כרעסטאָמאַטיע פאַרן 1-טן לערניאָר
3) כרעסטאָמאַטיע פאַרן 2-טן לערניאָר
4) כרעסטאָמאַטיע פאַרן 3-טן לערניאָר

נייע אויסגעבעסערטע און פארגרעסערטע אויפלאגעס, צונויפגעשטעלט לויטן מוסטער פון די בעסטע אייראָפּעישע כרעסטאָמאַטיעס. פונדאָסניי איבערגעזעצט מיט גרעסערע שריפטן

ב) דאָס לעבעדיקע וואָרט

פון ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען

פאַרן 4-טן און 5-טן ל. י.

(נייע 8-טע אויפלאגע)

ג) דאָס נייע וואָרט

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

1-טער טייל — עפּאָס; 2-טער טייל — ליריק

3-טער טייל — דראַמע. דער דריטער טייל אנטהאלט גרעסערע אויסצוגן פון די בארימטע ווערק „געשמידטער פראמעטעאוס״, „קיניג אוידיפוס״, „אנטיגאָנע״, „איפיגעניע אין אוליס״, „יוליוס צעזאר״, „האמלעט״, „עתליה״, און „דער קארגער״

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Wilno, Stefańska 24 m. 28.

לערנביכער.

רעכנביכער פון ש. גאַסטאַמסקי.

1. אילוסטרירטער פּראַקטישער רעכנבוך פאַרן 1-טן לערניאָר.
2. פּראַקטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט)
3. פּראַקטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט)
4. פּראַקטישער רעכנבוך (גלייכע צאָלן)
5. פּראַקטישער רעכנבוך (ברוכצאָלן)

לערנביכער אויף יידיש

פון ש. גאַסטאַמסקי און מ. חיימסאָן.

6. לעבעדיקע קלאַנגען. א. ב.
7. „לעבעדיקע קלאַנגען"— כרעסטאָם. פאַרן 1-טן לערניאָר.
8. „לעבעדיקע קלאַנגען"— כרעסטאָם. פאַרן 2-טן לערניאָר.
9. „לעבעדיקע קלאַנגען"— כרעסטאָם. פאַרן 3-טן לערניאָר.
10. דאָס נייע הויז—כרעסטאָמאַטיע פאַר די עלטערע קלאַסן.

ביבליאָטעק פאַר יינגערע קינדער:

פון ש. גאַסטאַמסקי.

1. יעקעלע גאַר.
2. יודע דער האַסערטרעגער און זיינע מעשיות.
3. מזל.
4. בחיי מתנות.
5. א) דער נס, ב) דער שריק.
6. דער בוים און דער ווינט.
7. יינגל בינגל—לויט בר. גרים.
8. די אמתע כלה „ „
9. דריי מעשהלעך אין וואַלד.
10. משומבמבער און זון. בר. גר.
11. דער העלדישער שניידערל „
12. האַנס און גרעטכען. „
13. רויט היטעלע. „
14. א מעשה מיט 7 ציגעלעך.
15. קאַרוזאָ—פון דעם לעבנסון די איטאַליענישע קינדער, וואָס אַרבעטן אין די שאַכטעס.

16. ביומער האָסטן—(פון דעם לעבן פון די קוילנגרעבער)
17. דער ליגנער—(אַ מעשהלע).
18. די גאַשערקע— „
19. מעשהלעך פון עזאָפּ 1 העפט.
20. „ 2 „ „
21. „ 3 „ „
22. דער פאַרשלאָסענער קאַסטן—(יידישע פאָלקסמעשה).
23. צוויי יתומים—(פאָלקסמעשהלע פאַר קלענערע קינדער),
24. לעגענדעס פון אַמאָל—(אַלעקסאַנדער מוקדן און די פריצן, דער משפט, דער גריכישער חכם סאָלאָן). . . .
25. דאָס גרויסע האַרץ (מעשהלע)
26. דאָס תיגעלע—(מעשהלע).
27. דער קייסער און דער צדיק—(יידישע פאָלקסמעשה).
28. פאָלקסמעשיות און לעגענדעס פון אַלטן פּראָג.
29—31. „דער קונדס"—3, 2, 1 (זאַמלונגען פון רעטענישן, אויפגאַבן, שפּילן, רעבוסן, וויצן, ווערטלעך, גיכווערטלעך א.א.).
32. מוסתנאי—(פאָלקסמעשה).

ביבליאָטעק פאַר עלטערע קינדער:

פון ש. גאַסטאַמסקי

1. קריסטאָף קאָלומבוס . . . . . .
2. דייוויד ליווינגסטאָן . . . . .
3. הענרי סטענלי . . . .
4. ווי אַזוי קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע?
5. אין דער נאַכט פון בדיקת חמץ.
6. זאַלץ . . . .
7. ווי אַזוי מע מאַכט פּאַפּיר?
8. יאָהאַן גוטענבערג . . . . . .
9. דזשעמס וואַט . . . .
10. ראָבערט פולטאָן . . . . .
11. דזשאָרדזש סטעפענסאָן . . .
12. י. ל. פּרץ — זאַמלבוך.
13. נפילה און טפטוף. . .
14. טרילינג קונסט—[illegible]. קינדער-טיאַטער אין 2 אַקטן.
15. די באַפרייונג פון די שוואַרצע קנעכט—(דאָס לעבן פון די שוואַרצע נעגערס און [illegible] ביאָגראַפיעס פון די קעמפער פאַר זייער באַפרייונג: האַריסאָן, מעדקער, בישער סטאָו, אייבראַהאַם לינקאָלן, בוקער וואַשינגטאָן א. אַנד. (אילוסטרירט)
16. מרדכי אַנטאָקאָלסקי—ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן יידישן סקולפּטאָר. רייך אילוסטרירט מיט די וויכטיקסטע בילדער פון זיינע ווערק . . . .
17. די שוויץ—פון דער סעריע „פעלקער און לענדער" . .
18. די פּאָסט אַמאָל און היינט.
19. דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און דער קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון די שטאַטן . . . .
20. בענזשאַמען פראַנקלין . . .
21. די קוילנגרעבער—פון עמיל זאָלאַ.

מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר

געזאַמלט און רעדאַקטירט פון ש. גאַסטאַמסקי.

1. יידישע פאָלקסרעטענישן—3-טע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע מיט אַ פאָרוואָרט פון ש. אַנ-סקי'ס רעטענישן.
2. זאַמלונג פון יידישע שפּריכווערטער פאַר שול און פאַמיליע.
3. ביים קוואַל 1-טער באַנד—יידישע שפּריכווערטער, רעדנסאַרטן, לאַנגע רעדנסאַרטן, פאַרגלייכן, חינסטענישן, ברכות, שבועות, קללות, חרמות, סגולות און זאַגעכצן. . .
4. ביים קוואַל 2-טער באַנד—יידישע פאָלקלידער . . . .

אויפן לאַגער געפינען זיך:

1. ק. ב. יאַנגערווסקי (יידיש— מ. חיימסאָן) „[illegible] [illegible] [illegible]
2. [illegible]

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12894

DI FARFLEYTSUNG

Sholem Asch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS